# עונג שבת



גוט שבת אלע אידן. די תורה רעדט די וואך וועגן דעם כח פון תפילה. די תורה דערציילט ווי אברהם אבינו ע"ה שיקט זיין קנעכט אליעזר צו זוכן א כלה פאר יצחק. אליעזר האט מתפלל געווען צום רבונו של עולם: "...הקרה נא לפני היום ועשה חסד עם אדני אברהם" – "איך בעט דיך מאך טרעפן פאר מיר היינט [א כלה פאר יצחק] און טו חסד פאר מיין הער אברהם." און באלד דערנאך שטייט "ויהי הוא טרם כלה לדבר" בעפאר ער האט אפילו געענדיגט צו דאווענען, זענען זיינע תפילות געענטפערט געווארן. די וואך גייט מען דערציילן דריי מעשיות וועגן דעם כח התפילה.

הרב אורי זוהר שליט"א, דער באקאנטער מחזיר בתשובה, האט אמאל באקומען א קאל פון אן אלטער חבר, א פרייער איד. יענער חבר האט דערציילט א מוראדיגען מעשה. יענער איז געפארן נעבאך צו דעם ברעג פונעם ים אין ארץ ישראל אין שבת קודש, השם ירחם. יענער האט פארברענגט דעם גאנצן טאג אויפן ברעג ביז עס איז שוין געווארן שפעט און ער האט געוואלט אהיימפארן. ווען ער האט געזוכט זיין שליסלעך פאר זיין קאר, האט ער זיי נישט געטראפן. ער איז ארומגעגאנגען זוכען די שליסלעך איבעראל אין דעם פארקינג לאט און אויף דעם זאמד. עס האט אנגעהויבן צו ווערן טינקעל.

ער איז געווארן זייער באזארגט און אויפגערעגט. סוף כל סוף האט ער זיך כמעט מייאש געווען. ער האט אנגעפאנגען צו גיין צום ים. זיין פרוי האט אלעס אנגעקוקט אבער זי האט נישט געכאפט וואס ער טוט. כאטש אז ער איז געווען אינגאנצען אנגעטון, איז ער אריינגעגאנגען אין די וואסער ביז די קניען! פלוצלינג האט ער געשריגן, "אלקים, אלקים! שיק מיך צוריק מיינע שליסלעך!"

די רגע האט ער געשפירט עפעס לעבן זיין פיס. ער האט געקוקט און הפלא ופלא! ער האט געזען ווי זיינע שליסלעך האבן געשווימען אויף די וואסער! ב"ה אז ער האט געהאלטן די שליסלעך אויף א רינגעל מיט א האלצענע שטיקעל. ביז ער איז אריין אין די קאר איז עס שוין געווען אינגאנצען טינקעל, דהיינו מוצאי שבת. די נעקסטע טאג האט יענער גערופן אורי זוהר און ער האט אים געפרעגט וואו ער זאל אנפאנגען: שבת, תפלין, כשרות? און דרוך דעם איז יענער געווארן א בעל תשובה!

די צווייטע מעשה האט אויך צו טון מיט שליסלעך. עס איז אמאל געווען א איד וואס איז אויפגעוואקסן פריי אין ניו יארק און נאכדעם איז ער ב"ה געווארן א בעל תשובה. א האלבע יאר נאכדעם וואס יענער און זיין משפחה זענען געווארן פרום, איז געשען א מוראדיגע מעשה וואס האט זייער שטארק מחזק געווען די משפחה'ס אמונה. איין טאג איז דער טאטע פון דער משפחה געגאנגען צו א פארק מיט זיין עלף יעריגער קינד. דער קינד האט געשפילט ביז עס האט אנגעפאנגען צו ווערן טינקעל. דער טאטע האט געזאגט אז עס איז שוין געקומען די צייט אהיימצוקומען. דער טאטע האט גערופן דעם קינד צו קומען צו דעם קאר. דער טאטע האט געזוכט זיין שליסלעך אבער ער האט זיי נישט געטראפן. ער איז געווארן באזארגט. אפילו אז זיי האבן געקענט אהיימגיין צו פיס, האבן זיי נישט געהאט קיין וועג אריין אין זייערע דירה. דער מאן'ס פרוי וועט נישט אהיימקומען ביז אפאר שעה שפעטער. דער טאטע האט געזוכט און געזוכט און געזוכט אבער ער האט גארנישט געטראפן!

דער יונגעל, זעענדיק אז זיין טאטע איז זייער באזארגט, האט געוואלט עפעס טון פאר אים. דעמאלט האט דער יונגעל געהאלטן אין זיין האנט א קליינע "טעניס" באל וואס מיט דעם ער האט געשפילט ווען ער איז געווען אין דעם פארק. דער יונגעל האט אנגעכאפט דער באלי און ער האט אנגעפאנגען צו שאקלען, אזוי ווי ער האט לעצטענס געלערנט אין חדר. ער האט געזאגט, "השם, ביטע העלף מיין טאטע טרעפן זיין שליסלעך!" מיט די ווערטער האט דער יונגעל געווארפן די באל ערגעץ בלי כוונה. דער יונגעל איז געלויפן צו נעמען די באל. הפלא ופלא! ווען דער יונגעל האט זיך אראפגעבויגן צו נעמען די באל, האט ער געטראפן זיין טאטע'ס שליסלעך!

די דריטע מעשה וועגן כח התפילה הייבט זיך אן אזוי: עס איז דא אין געגענט א היימישער לויער (אדוואקאט) וואס איז אמאל געווען אין א קארט אין סלוטסבערג, ניו יארק (וואס איז בערך 7–8 מייל פון מאנסי.) יענע טאג האט עס גערעגנט זייער שטארק. דער היימישער לויער איז געשטאנען דארט אין דער פלוש פונעם קארט ווארטענדיג אריינצוגיין צום קארט. עס זענען געשטאנען דארט אויך צוויי גוים להבדיל, אן עלטערער גויאישער לויער מיט א פאליצאנט וואס האט געארבעט אין דעם קארט. דער איד מיט די צוויי גוים להבדיל האבן ארויסגעקוקט פונעם פענסטער צו זען ווי עס האט געגאסן א מבול. דער אלטער גויאישער לויער האט זיך געגעבן א קרעכץ, ווייל ער האט שוין געענדיגט זיין "קעיס" אין קארט און ער האט געדארפט ארויסגיין פונעם בנין צו זיין קאר אין דרויסן וואו עס האט גערעגנט, און ער האט נישט געהאט קיין שירעם! נישט נאר דאס אבער ער איז געווען א פארקריפעלטער מענטש, ער האט נישט געקענט גיין שנעל.

פלוצלינג, האט דער פאליצאנט זיך געדרייט צום היימישען לויער און אים געזאגט, "דו... דו מוזט האבן לכאורה פראטעקציע אויבן, זאלסט מתפלל זיין אז עס זאל אויפהערן צו רעגענען." דער היימישער לויער האט געזאגט, "נו, איך קען פרובירן, אבער איך ווייס נישט צי עס וועט עפעס אויפטון..." מיט דעם האט דער איד געזאגט שטילערהייט א תפילה. דער איד האט אין זין געהאט צו מאכן א קידוש השם, ווייל טאמער עס וועט טאקע אויפהערן צו רעגענען, וועט עס זיין א קידוש השם. בקיצור, עס האט נישט גענומען לאנג ביז דאס רעגען האט זיך טאקע אויפגעהערט! נאר דער באשעפער ווייסט דעם כח פונעם איד'ס תפילה. אבער איין זאך איז קלאר, דאס אליינס אז די גוים האבן געמיינט אז דער איד האט פראטעקציע אין הימעל, איז א קידוש השם. די אינטערעסאנטע זאך איז געווען אז די צוויי גוים האבן בכלל נישט אנערקענט דעם "נס!" פון די מעשיות זענען מיר די כח התפילה. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת נשואי נכדו זושא נ"י בן בנו הרה"צ רבי יצחק שליט"א בשעטומ"צ**

נתרם לרפו"ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים.

נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)

דעו יהודים יקרים מה שכתוב בזוהר: "ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל..." (פר' תרומה קלא:)